# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

נשא

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**באר"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת נשא

וברכת את ה' אלוקיך - ריבונו של עולם, איך בין דיינער! ............ ד
ירחיק עצמו - די וויכטיגקייט צו מאַכן גדרים וסייגים כדי צו זיין אָפּגעהיטן ............ יא
וקדשתם היום ומחר - האַלטן די התעוררות און קבלות פון יום טוב שבועות ............ טו

**ספה"ק בת עין**

**... אַךְ נוּכַל לוֹמַר שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה מְרַמֶּזֶת לָנוּ בָּזֶה דֶּרֶךְ וּמַעֲלַת הָעֲבוֹדָה עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ** אונז קענען זאגן אז די הייליגע תורה טוט אונז מרמז זיין א וועג און די מעלות פון די עבודת הקודש, **כִּי הִנֵּה עִיקַּר בְּחִינַת מִשְׁכָּן הוּא 'וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם'** (שמות כה, ח) ווייל די עיקר בחינת 'משכן' איז וואס עס שטייט אין פסוק 'איך וועל רוען צווישן זיי', **בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל** (אלשיך עה"פ) אין יעדן איינעם און איינעם פון אונז, **לִהְיוֹת אוֹהֶל שִׁכֵּן בָּאָדָם** אז די שכינה זאל האבן א געצעלט ביי יעדן. **וּלְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה בָּאָדָם אִי אֶפְשָׁר רַק עַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת אֵלּוּ** און ממשיך זיין די רוהינג פון די שכינה אויף א מענטש איז נישט מעגליך נאר דורך די דריי בחינות.

**בִּתְחִילָּה צָרִיךְ לַעֲבוֹד אֶת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל פָּנִים עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס** פון אנפאנג דארף מען דינען דעם באשעפער אפילו נאר כדי צו באקומען א באצאלונג, **הַיְינוּ לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ גּוֹמֵל טוֹב לְמִי שֶׁיִּשְׁמוֹר מִצְוֹתָיו וְיַעֲנִישׁ לְמִי שֶׁיַּעֲבוֹר עַל מִצְוֹתָיו** ד"מ אז דער מענטש זאל גלייבן באמונה שלימה אז דער באשעפער באצאלט גוטס פאר דער וואס היט זיינע מצות און ער באשטראפט דער וואס איז עובר אויף זיינע מצות, **וְזֶה הַבְּחִינָה עֲדַיִין אֵינָהּ שְׁלֵימוּת הַלֵּב** אבער די בחינה איז נאכנישט די ריכטיגע עבודה מיט א גאנצע הארץ.

**וְעִיקָּר הוּא כְּמִי שֶׁנִּכְנַס בִּפְרוֹזְדוֹר כְּדֵי שֶׁיִּכָּנֵס לִטְרַקְלִין** און די עיקר איז אז א מענטש זאל דינען דעם באשעפער אזוי ווי איינער קומט אריין אין פארצימער כדי ער זאל קענען אריינגיין אין פאלאץ, **וְלֹא שֶׁיִּשָּׁאֵר בַּפְּרוֹזְדוֹר** און נישט מען זאל בלייבן אינעם פארצימער. **כְּמוֹ כֵן הוּא בַּעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** און אזוי איז אויך ביי עבודת השי"ת, **הָעִיקָּר הוּא שֶׁיָּבֹא מִבְּחִינָה זוֹ לִבְחִינַת אַהֲבַת ה' בְּכָל לֵב וָנֶפֶשׁ** וואס די עיקר עבודה איז אז דער מענטש זאל צוקומען פון זיין עבודה צו די בחינה פון ליב האבן דעם באשעפער מיטן גאנצן הארץ און זעהל, **בְּחִינַת 'וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאוֹדֶךָ'** (דברים ו, ה) א בחינה וואס די פסוק זאגט 'זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטן דיין באשעפער מיטן גאנצן הארץ און זעהל און מיט דיין גאנצע געלט'. **הַיְינוּ שֶׁיִּהְיֶה עֲבוֹדָתוֹ בִּשְׁלֵימוּת הַלֵּב** דאס מיינט אז זיין עבודה זאל זיין מיט 'שלימות הלב' - די גאנצע הארץ, **הַיְינוּ שֶׁלֹּא יִהְיֶה נֶחְשָׁב אֶצְלוֹ כְּלָל וּכְלָל תַּאֲווֹת וַהֲנָאַת עַצְמוֹ** דאס מיינט עס זאל אינגאנצן נישט זיין גערעכנט ביי אים בכלל זיינע תאוות (גליסטונגען) און אייגענע הנאות, **הֵן בָּעוֹלָם הַזֶּה הֵן בָּעוֹלָם הַבָּא** סיי אויף די וועלט און סיי די הנאות וואס ס'איז שייך אויף יענע וועלט.

**וְעִיקָּר עֲבוֹדָתוֹ יִהְיֶה רַק לַה' לְבַדּוֹ בְּכָל לִבּוֹ וּבְכָל נַפְשׁוֹ וּבְכָל מְאוֹדוֹ** און זיין עיקר עבודה זאל זיין נאר פארן באשעפער אליין מיט זיין גאנצע הארץ און זעהל און געלט, **בִּתְשׁוּקָה וְחֶמְדָּה גְּדוֹלָה** מיט א גרויסע בענקשאפט און גלוסטונג, **וְיִהְיֶה נִכְסְפָּה וְגַם כָּלְתָה נַפְשׁוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ לְבַד** און זיין זעהל זאל גלוסטן און אויסגיין פאר עבודת השי"ת אליין ... **וְכָל מַה שֶּׁיּוֹסִיף בְּהִתְבּוֹנְנוּת גְּדוּלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ** און ווי מער א מענטש וועט פארמערן און אריינטראכטן אין די גרויסקייט פונעם באשעפער, **יִהְיֶה לוֹ תְּשׁוּקָה וְחֶמְדָּה יוֹתֵר וְיוֹתֵר** וועט ער האבן א בענקשאפט און א גלוסטונג מער און מער, **עַד כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ** ביז זיין זעהל וועט ממש אויסגיין. **וּמֵחֲמַת שֶׁמִּתְבּוֹנֵן תָּמִיד בִּגְדוּלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ** און ווייל דער מענטש טראכט שטענדיג אריין אין די גרויסקייט פונעם באשעפער, **יָבֹא בֶּאֱמֶת לִבְחִינַת עֲנָוָה וְשִׁפְלוּת עַצְמוֹ וְעֶרְכּוֹ** וועט ער באמת צוקומען צו די מידה פון ענוה און אנערקענען זיינע חסרונות און זיין צושטאנד. **וְאָז יַמְשִׁיךְ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה** און דעמאלסט וועט ער ממשיך זיין אויף זיך השראת השכינה, **כְּמַאֲמַר** (ישעי' נז, טו) **'אֲנִי אֶשְׁכּוֹן אֶת דַּכָּא'** אזוי ווי עס שטייט 'איך רוה מיט דעם וואס האלט זיך קליין'. **(פרשת נשא ד"ה נשא את ראש)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת נשא

**וברכת** את ה' אלוקיך - ריבונו של עולם, איך בין דיינער! מיר לייענען אין דער היינטיגער פרשה, ווי די כהנים האָבן געבענטשט די אידן, 'ישא ה' פניו אליך' וגו' (ו, כו). די גמרא (ברכות כ:) זאָגט אַז די מלאכים האָבן געזאָגט צו דעם אויבערשטען, רבונו של עולם, דו האָסט געשריבן אין דער תורה (דברים י, יז) 'אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד', און מיר זעען דאָך אַז דו טוסט יא נושא פנים זיין פאַר די אידן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט, 'ישא ה' פניו אליך'.

**האָט** דער אויבערשטער געענטפערט פאַר די מלאכים: ווי אַזוי זאָל איך נישט נושא פנים זיין פאַר די אידן, אַז איך האָב געשריבן אין דער תורה (דברים ח, י) 'ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלוקיך' - דער חיוב צו בענטשן ברכת המזון, איז נאר נאכדעם ווען מען האט געגעסן צו די זעט. אבער וואס זאל איך טוהן אז אידישע קינדער זענען מדקדק צו בענטשן שוין נאָכ'ן עסן בלויז אַ כזית, אָדער אַ כביצה.

**פרעגן** די מפרשים, ווי אַזוי זענען מיר טאַקע באמת מדקדק צו בענטשן אויף אַ 'כזית' אָדער אַ 'כביצה', פון אַ 'כזית' אָדער אַ 'כביצה', איז מען דאָך נאָך טאַקע נישט זאט אַז מ'זאָל זיין מחויב מדאורייתא צו בענטשן, אויב אַזוי איז דאָך מעגליך אַז מ'זאָגט אַ 'ברכה לבטלה' ח"ו.

**אויך** פרעגן די מפרשים, אויב דער אויבערשטער וויל קומען דערציילן די שבח פון די אידן, אַז זיי האָבן צוגעלייגט נאָך דינים וואָס זיי זענען נישט מחויב דערין, פאַרוואָס דערמאַנט ער פונקט די דאָזיגע חומרא, און נישט אַנדערע חומרות און גזירות און תקנות וואָס זיי זענען מחויב מקיים צו זיין מדרבנן?

**אויך** איז שווער, דער מדרש זאָגט (במדב"ר פי"א), ווי אַזוי איז מעגליך אַז דער אויבערשטער איז 'נושא פנים' פאַר די אידן? דער פסוק זאָגט דאָך 'אשר לא ישא פנים'. נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער האָט געזאָגט, פונקט אַזוי ווי זיי זענען מיר נושא פנים, אַזוי וועל איך זיי נושא פנים זיין. דאָס מיינט, איך האָב געשריבן אין דער תורה, 'ואכלת ושבעת וברכת', אַז מ'דארף בענטשן ברכת המזון נאָר אויב מ'האָט געגעסן צו די זעט, און אַ איד זיצט מיט זיינע בני בית, זיי זענען נעבעך הונגעריג, זיי האָבן נישט צו עסן צו דער זעט, אָבער זיי זענען מיר 'נושא פנים' און זיי בענטשן מיך. זיי האָבן מדקדק געווען אויף זיך צו בענטשן שוין ביי אַ 'כזית' און אַ 'כביצה'. אויף דעם זאָגט דער פסוק 'ישא ה' פניו אליך', עכ"ל. דארף מען פאַרשטיין די כוונה פון די ווערטער, אַז דער אויבערשטער זאָגט 'הם נושאים לי פנים'.

**ענטפערט** הרה"ק רבי שמחה בונם פון פשיסחא זי"ע (אין ספר 'קול שמחה'), ס'איז דער סדר העולם, אַז ווען אַ מענטש באַקומט אַ מתנה, קוקט ער נישט נאָר אויף די ווערט און חשיבות פון דער מתנה, נאָר ער איז זיך אויך מתבונן אין דעם מענטש וואָס האָט אים געגעבן די מתנה. ווען אַ מענטש איז זוכה צו באַקומען אַ מתנה פון דעם קעניג, איז אויך אויב ס'וועט זיין אַ קליינע מתנה, וועט ער זיך גאָר שטאַרק פרייען און הנאה האָבן דערפון, ווייל אַזוי האָט ער זוכה געווען צו זען אַז דער קעניג וויל אים אָפּגעבן כבוד, און ער האָט אים ליב.

**לויט** דעם איז פאַרענטפערט, וויבאַלד מיר ווייסן אַז דער אויבערשטער גיט פרנסה פאַר יעדן מענטש אויף דער וועלט[א], און ער איז דער וואָס גרייט אָן פאַר יעדע באַשעפעניש זיין הצטרכות ער זאָל קענען עקזיסטירן, און יעדער 'כזית' קומט אָן צו אונז פון דעם אויבערשטענ'ס האַנט, צוליב דעם האָבן מיר אַ געפיל פון חשיבות און הנאה, אויך ביי יעדן קליינעם 'כזית',

---

**א.** אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט אַמאָל אין פשיסחא, מיט אַ שניידער אין שטאָט אין דער צייט ווען הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע האָט דאָרט געלעבט און געפירט זיין רבי'שן הויף.

וויבאַלד ס'איז געקומען פון באַשעפער[ב]. קומט אויס אַז אויך אַ 'כזית' אַליין ברענגט דעם מענטש צו ווערן זאַט,

---

אַ אידישער שניידער אין פשיסחא, האָט באַקומען אַ באַשטעלונג פון דעם פריץ, אויפצונייען פאַר אים אַ שיינעם אנצוג. האָט דער איד זיך אנגערופן, 'אַוודאי וועל איך מאַכן פאַר'ן פריץ אַ שיינעם בגד. איך קען דען נייען אַ נישט-שיינעם בגד?!'

ווען דער אידישער שניידער האָט אָבער שפעטער געברענגט דעם אנצוג צום פריץ, איז דאָס קלייד זייער נישט געפעלן פאַר דער פרוי פונעם פריץ. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען עס נישט אָנקוקן... עס ממש עקלט איר... האָט דער פריץ צוריקגעגעבן דעם בגד פאַר דעם אידישן שניידער, זאָגנדיג, 'דאָס קלייד האָט נישט קיין חן'.

צוליב דעם וואָס דער פריץ האָט געזאָגט אַז דאָס קלייד האָט נישט קיין חן, האָבן אויך אַנדערע מענטשן אויפגעהערט באַשטעלן זייערע קליידער ביים שניידער. האָט דער שניידער זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר'ן רבי'ן ר' בונם זצ"ל, און געפרעגט וואָס צו טוהן. האָט דער רבי ר' בונם אים געהייסן אויפטרענען דעם גאַנצן קלייד, עס איבערנייען, און צוריקברענגען צום פריץ. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער שניידער האָט געפאָלגט. ער האָט עס איבערגענייט, און ווען ער האָט עס געברענגט צום פריץ, האָט דער פריץ הנאה געהאַט דערפון, און געזאָגט אַז דאָס קלייד געפעלט אים...

שפעטער, האָט דער רבי ר' בונם געזאָגט צו דעם שניידער:

- דער רבונו של עולם האָט אַריינגעלייגט אין טבע פון דער בריאה, אַז גאות האָט נישט קיין חן, נאָר ענוה, ווי דער פסוק זאָגט (משלי ג, לד) 'ולענוים יתן חן'. דעריבער, ווען דו האָסט אין אָנהייב גענייט דעם קלייד מיט'ן 'ר' איך', '**איך** קען מאַכן נאָר שיינע קליידער', האָט דאָס קלייד נישט געהאַט חן פאר דעם פריץ און זיין ווייב, אָבער דאָס צווייטע מאָל האָסטו עס גענייט מיט אַ צובראָכן האַרץ, און נאָך אַראָפּגעלאָזט דערביי אַ פּאָר טרערן... דערפאַר האָט עס געהאַט חן.

**ב.** דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע איז אַמאָל געזעסן מיט זיינע תלמידים און געשמועסט מיט זיי וועגן דעם ענין פון 'השגחה פרטית'. צווישן אַנדערן האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט, די השגחה פרטית פונעם באַשעפער איז אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז אפילו ווען אַ קוה גייט אויף דער גאס און זי לאָזט אַרויס אַ שטיקל שמוץ פון איר קערפער, איז דאָ אַ ספעציעלע השגחה פון הימל אויף וועלכן אָרט זי זאָל אַוועקוואַרפן דאָס שטיקל שמוץ.

הערנדיג די ווערטער פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך, האָט איינער פון די תלמידים נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ס'איז שייך אַז אויך אַזאַ מיאוס'ע זאַך און 'קלייניגקייט', ווי אַ שטיקל שמוץ פון די קוה, שטייט אונטער די 'השגחה פרטית' פון דעם אויבערשטען, און ס'איז נישט סתם אַ 'צופאַל'.

עטליכע טעג שפעטער, איז יענער תלמיד געגאַנגען ביינאַכט אויפן גאס, און ער האָט זיך פלוצלינג אויסגעגליטשט אויפן אייז וואָס איז געווען אויף דער ערד. וויבאַלד דאָס אָרט איז געווען שיף, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַראָפּקאָלערן פון באַרג, אויפן וועג צום תהום חלילה. פאַלנדיג אַזוי, האָט זיין פוס זיך אָנגעשטויסן אין אַ האַרטע זאַך, און דאָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן, ווייל עס האָט אים געשטערט פון אַראָפּפאַלן ווייטער חלילה ביז'ן תהום. דער תלמיד האָט באַטראַכט די זאַך וואָס האָט אים צוריקגעהאַלטן פון אַראָפּפאַלן צום טויט ח"ו, און ער האָט געזען אַז ס'איז נישט אַנדערש ווי אַ שטיקל שמוץ פון אַ בהמה וואָס איז געוואָרן פאַרפרוירן פון די קעלט.

יעצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען ווי ווייט דער אויבערשטער גיט אַכטונג אפילו אויף אַ שטיקל שמוץ פון אַ בהמה, אַז ס'זאָל אָנקומען צום ריכטיגן אָרט, און ער איז שנעל צוריקגעגאַנגען צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע. אַזוי ווי ער איז אַריינגעקומען צום רבי'ן ר' אלימלך אין צימער, האָט דער רבי ר' אלימלך זיך אָנגערופן צו אים:

- **נו, יעצט זעסטו שוין ווי ווייט עס דערגרייכט די השגחה פרטית פון הימל?**

עס שטייט אין ספר 'שדה צופים' (פון הרה"ג רבי שמואל דוד פריעדמאן שליט"א), אַז ער האָט געהערט פונעם גאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, בעל 'שבט הלוי', אַז דאָס וואָס עס שטייט אין מדרש אַז זינט בריאת העולם זיצט דער אויבערשטער און ער איז מזווג זיווגים, מיינט מען נישט דווקא זיווגים פון אַ מאן און פרוי, נאָר **אַלעס וואָס פאַסירט אויף דער וועלט**, ווען איינער באגעגנט זיך מיט אַ צווייטן, ווען מ'איז זיך מתבונן, זעט מען ווי הונדערטער און אפילו טויזנטער מאָל, ווערט דאָס גאַנצע לעבן געפירט אויף אַזאַ אופן, אַז '**פונקט יעצט**' האָט ער געטראָפן יענעם, און ביי זייער באַגעגעניש האָט ער אים אָנגעבאָטן צו באָרגן געלט, וואָס וועט אים גאָר שטאַרק אַרויסהעלפן,

אדער יענער וואוינט פונקט אין שכנות מיט אַ דריטן מענטש, און ער קען זיין משפחה, און אַזוי האָט ער אים אָנגעטראָגן אַ שידוך פאַר זיין זון. איינער האָט געטראָפן זיין חבר וואַרטנדיג ביים דאָקטאָר, זיי האָבן זיך צעשמועסט און ער האָט אים געזאָגט וועגן אַן אַרבעט-פּאָסטן פון וועלכן ער קען האָבן פרנסה בכבוד. אַן אַנדערער האָט זוכה געווען צו אַ גוטע חברותא, ווען ער איז געפאָרן צו אַ חתונה אין אַן אַנדערער שטאָט, און אַזוי ווייטער.

מיר האָבן געהערט פון אַ באַגלייבטער מענטש וועלכער אַרבעט פאַר פרנסה אלס אַ פאַרמיטלער פון דירות און הייזער (ריעל עסטעיט בראָקער'). אָנהייב פון יאָר תשפ"ה, האָט ער געהאַט אַ "טרוקענע' תקופה. ער האָט נישט באַוויזן צו טרעפן, נישט קיין פאַרקויפער, און נישט קיין קויפער פון הייזער. אָנהויב יענעם ווינטער האָט ער זיך באַטייליגט אין אַ סעודת בר מצוה ביי איינעם פון זיינע גוטע פריינט, און ביי דער שמחה האָט יענער געזאָגט צו אים, 'זע נאָר, דאָ איז יעצט אַריינגעקומען אַן איש מכובד, אָבער איך בין פאַרנומען מיט דער שמחה און איך קען אים נישט אָפּגעבן דעם געהעריגן כבוד. בעט איך דיר, נעם אים אויף פריינטליך, זעץ אים אַוועק אויבנאָן און גיב אים דעם כבוד וואָס ער פאַרדינט.

דערציילט דער 'בראָקער': 'איך האָב עס גערן געטוהן פאַר מיין חבר, איך האָב אַוועקגעזעצט יענעם אויף אַ חשוב'ן פלאַץ. זיצנדיג און שמועסנדיג מיט אים, האָט דער איד אויסגעפונען אַז איך אַרבעט אַלס אַ 'בראָקער', און ער האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט אַ בנין וואָס ער איז אינטערעסירט צו פאַרקויפן... אַלזאָ, ביז עטליכע טעג, האָב איך באַוויזן צו פאַרקויפן פאַר אים דעם בנין, און איך האָב דערביי פאַרדינט שיין פאַרמיטלונג-געלט'.

'דאַן האָט דער איד מיר דערציילט וועגן איינעם פון זיינע ידידים וואָס וויל אויך פאַרקויפן בנינים. איך האָב אונטערגעשריבן מיט אים אַ 'ייפּוי כח', אז ער געבט מיך דעם פולן רעכט איבער זיינע בנינים, און איך האָב אָנגעהויבן פאַרקויפן פאַר אים עטליכע בנינים'.

און דאָ האָט זיך ערשט ארויסגעשטעלט די וואונדערליכע השגחה עליונה, ווייל די איד (די בעה"ב פון די בנינים), האָט צוויי טעג נאָכ'ן אונטערשרייבן דעם 'ייפּוי כח' געליטן אַ סטראוק ל"ע, און אויב דאָס אונטערשרייבן וואָלט זיך אויפגעהאַלטן צוויי טעג, ווער ווייסט אויב ער וואָלט אים אַמאָל געקענט מאַכן אונטערשרייבן.

נאָך מער, יענעמ'ס יונגסטע טאָכטער האָט דעמאָלס געהאַלטן פאַר דער חתונה, און ער האָט געוואָלט פאַרקויפן דעם בנין, כדי צו האָבן געלט פאַר די הוצאות פון דער חתונה. למעשה האב איך מצליח געווען צו גוט פאַרקויפן אַ פּאָר טיילן פון דעם גרויסן בנין, און פון דעם אליין איז שוין געווען גענוג געלט פאַר דער חתונה (ווען דער בעה"ב אַליין איז נישט געווען מסוגל דאָס צו טוהן).

זעען מיר דאָ די וואונדערליכע וועגן פון די השגחה. פון הימל האָט מען צוגעפּירט אַז דער ריעל עסטעיט 'בראָקער' זאָל **פונקט** זיין ביי דער בר מצוה סעודה ווען דער חשוב'ער איד איז אָנגעקומען אַהין. מ'האט אויך צוגעפּירט פון הימל אַז **דייקא** פון אים זאָל דער בעל שמחה, דער טאַטע פון דעם בר מצוה בחור, בעטן ער זאָל זאָרגן פאַר יענעם איש מכובד, און אים אַוועקזעצן אויבנאָן. אַזוי איז אים געלונגען אָנצוקניפּן אַ קשר מיט נאָך איינעם **פונקט** אין דערי ריכטיגער מינוט. **אַלעס כדי** דער 'בראָקער' און יענער בכבוד'יגער איד זאָלן האָבן שיין פרנסה, און נאָך מער - פאַר דעם דריטן וואָס האָט געהאלטן פאַר דער חתונה פון זיין טאָכטער, ווען ער האָט אַממערסטן געדאַרפט האָבן דאָס געלט...

נאָך אַ זאַך, דער 'בראָקער' האָט אין דער ערשטער מינוט **געמיינט** אַז ער טוט גאָר אַ טובה פאַר זיין חבר דעם בעל שמחה. ס'איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן אַז למעשה, טוט ער נאָך אַסאַך אַ גרעסערע טובה פאַר זיך אַליין...

איידער הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע איז נתקרב געוואָרן צום דרך פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, האָט דער בעל שם טוב אַמאָל געשמועסט מיט אים וועגן אמונה אין השגחה פרטית פון באַשעפער, אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט האָט אויף זיך אַ ספּעציעלע השגחה פרטית וואו עס זאָל רוען און וואו עס זאָל זיך רירן. צווישן אַנדערן האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צום 'תולדות', אַז יעדע זאַך וואָס פּאַסירט מיטן מענטש איז נישט פון זיך אַליין, נאָר דער אויבערשטער רעדט צו אים און ער וויל אים עפּעס מרמז זיין דערמיט.

אַזוי שמועסנדיג, איז אַריינגעקומען אַ גוי וואָס פלעגט פאַרעכטן כלים, און ער האָט זיך געוואַנדן צום בעל שם טוב און געפרעגט, '**ישראל'יק, האָסטו עפּעס צו פאַרעכטן?**'. האָט דער בעל שם טוב געענטפערט אַז ניין, ער האָט נישט אַ כלי צו פאַרעכטן. האָט דער גוי געזאָגט צום בעל שם טוב ער זאָל זוכן, אפשר האָט ער יאָ אַ כלי וואָס דאַרף אַ תיקון. האָט דער בעל שם טוב אים נאָך אַמאָל געזאָגט אַז ער האָט נישט אַ כלי וואָס מ'דאַרף עס

צוליב די גרויסע הנאה אַז דער אויבערשטער אַליין גיט אים שפייז צו עסן.

לויט דעם זענען פאַרענטפערט די ווערטער פון מדרש, אַז דער אויבערשטער זאָגט, אַ איד זיצט מיט זיינע קינדער און בני בית, און זיי האָבן נישט צו עסן צו דער זעט, אָבער זיי זענען מיר 'נושא פנים' - דאָס הייסט, זיי הייבן אויף זייערע אויגן צום הימל, ווייל זיי ווייסן אַז זייער גאַנצע שפייז קומט נישט פון זייערע אייגענע כוחות און האָרעוואַניע, נאָר פון דעם אויבערשטן[ג], ווייל זיי קוקן פון וואו איז געקומען דאָס עסן, און צוליב די גרויסע חשיבות פון דעם וואָס האָט

---

פאַרערכטן. האָט דער גוי ווייטער געזאָגט צום בעל שם טוב: **'ישראל'יק, אויב דו ווילסט גוט זוכן, וועסטו טרעפן'...** האָט דער בעל שם טוב זיך געוואָנדן צום 'תולדות', און אים געזאָגט:

- דו האָסט געהערט דעם 'בת קול', וואָס דער אויבערשטער האָט דאָ אויסגערופן פון דעם גוי'ס מויל, אַז אויב איר וועט גוט נאָכקוקן אייערע מעשים, וועט איר שוין טרעפן וואָס מתקן צו זיין. ווייסן זאָלסטו, אַז אויך ווען אַ גוי רעדט צו דיר, איז דאָ אין דעם אַ רוף פון הימל, אַזוי ווי ביי אונזער מעשה, אַז מ'איז געקומען מיך מעורר זיין, אַז אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער פירט זיך גוט, און ער דאַרף נישט אַ 'תיקון', אָבער אויב ער וועט גוט נאָכקוקן ביי זיך, וועט ער שוין טרעפן זאַכן וואָס זענען נישט בשלימות, און מ'דאַרף עס פאַרערכטן.

פאַר דעם 'תולדות' איז אָבער שווער געווען אָנצונעמען די ווערטער פונעם בעל שם טוב. ער האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי איז מעגליך אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה פרטית אויך אויף די ווערטער פון אַ גוי, ער זאָל עס זאָגן דאָרט וואו ער דאַרף עס זאָגן, און פאַר דעם מענטש וואָס דאַרף עס הערן. האָט דער 'תולדות' געזאָגט צום בעל שם טוב, אַז ער קען נישט אָננעמען זיינע ווערטער. האָט דער בעל שם טוב אים געזאָגט: **'זאָג נישט, איך קען נישט, זאָג, איך וויל נישט'...**

ווען דער 'תולדות' האָט פאַרלאָזט דאָס הויז פונעם בעל שם טוב הק' און האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, האָט ער געזען אונטערוועגנס ווי אַ בעל עגלה פירט אַ וואָגן פול מיט שטרוי און היי. דער שלימזל האָט איבערגעדרייט דעם גאַנצן וואָגן, און דער גאַנצער בינטל מיט שטרוי האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער ערד. האָט דער בעל עגלה געבעטן דעם 'תולדות', ער זאָל מקיים זיין די מצוה פון 'הקם תקים', און אים העלפן אויפהייבן דעם וואָגן. דער 'תולדות' איז אָבער געווען פאַרנומען מיט זיינע הייליגע געדאַנקען, און ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אים צו העלפן. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דעם גוי'אישן בעל עגלה זאָגנדיג, 'איך קען נישט, ס'איז פאַר מיר צו שווער'. האט דער גוי אים געזאָגט: **'זאָג נישט, איך קען נישט', זאָג, 'איך וויל נישט'**. אויב דו וועסט וועלן, וועסטו קענען...'

די ווערטער פונעם גוי'אישן בעל עגלה האָבן גוט אַריינגעדרונגען אין די אויערן פונעם הייליגן 'תולדות', און ער האָט איינגעזען די גערעכטיגקייט פון די ווערטער פונעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז **ס'איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַ זאַך וואָס האָט נישט אַ פונקטליכע השגחה פרטית**, און אַז די ווערטער פונעם גוי זענען געזאָגט געוואָרן מיט אַ שליחות פון הימל, כדי אים צו ווייזן ווי שטאַרק ס'איז די השגחה פרטית פונעם באַשעפער. ער האָט זיך באַלד אומגעקערט צום בעל שם טוב, און ער איז געוואָרן איינער פון די גאָר גרויסע תלמידים בהיכלא קדישא פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע.

**ג.** דער גאון בעל 'חכם צבי' זצ"ל איז אַלס יונגערמאַן געווען זייער אָרים, און איז איינגעשטאַנען ביי דעם ערשטן באַראָן ראָטשילד, ר' מאיר אנשיל ע"ה, וועלכער האָט אים אַוועקגעשאָנקען אַ צימער אין זיין רייכן פּאַלאַץ. פאר די בני הבית איז דאס נישט אזוי געפאלן און זיי האָבן געוואָלט אַוועקשיקן דעם 'חכם צבי', אָבער דער פאָטער, ר' מאיר אנשיל, האָט נישט מסכים געווען דערצו. איינמאָל איז עס געוואָרן שווער אויך פאַר ר' מאיר אנשיל, און ער האָט געזאָגט פאַר'ן 'חכם צבי', אַז ער דאַרף זיך זוכן אַן אַנדער אָרט ווי צו וואוינען. עטליכע שעה שפּעטער, איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דער גרויסער שטאָט האַמבורג אין דייטשלאַנד, איינצולאַדענען דעם 'חכם צבי', צו ווערן דער מרא דאתרא אין זייער שטאָט. האָט דער 'חכם צבי' געזאָגט צו ר' מאיר אנשיל:

- באמת איז אין הימל געוואָרן אָנגעשריבן שוין פונעם טאָג ווען איך בין געקומען אַהער, אַז היינט זאָל זיין דער לעצטער טאָג וואָס איך האַלט זיך אויף ביי דיר, ווייל דו זעסט דאָך אַז בלויז עטליכע שעה שפּעטער האָט מען מיך איינגעלאַדן צו ווערן דער רב אין אַזאַ גרויסער שטאָט. נאָר וואָס דען, אויב דו וואָלסט געהאַט אַביסל געדולד,

עס זיי געגעבן, האָבן זיי הנאה אויך פון אַ קליינע סעודה וואָס קען זיי נישט זעטיגן פיזיש, אָבער זיי ווערן זאַט דערפון און זיי בענטשן דעם אויבערשטן, עכ"ד.

**ממילא,** זאָגט דער אויבערשטער - מדה כנגד מדה - אויך איך וועל זיין 'נושא פנים' זיין. און כאָטש מיר ווייסן אַז ביי דעם אויבערשטען איז קיינער נישט גערעכט, 'מי יצדק לפניך בדין', אָבער דער אויבערשטער האָט הנאה פון די עבודה וואָס אידישע קינדער דינען אים, ווייל ער קוקט פון וועמען עס קומט די דאָזיגע עבודה. עס קומט פון מענטשן וואָס האָבן ווייניג כח, און פונדעסטוועגן דינען זיי אים.

**דאס** איז א מורא'דיגע ווארט, און מיר קענען דערפון אַרויסלערנען אַסאַך וויכטיגע הלכות. ערשטענס, זעט מען דאָ דעם כח פון אמונה, אַז ס'איז משפיע אַלעם גוטס אויף די וואָס גלייבן, ווייל דער מענטש וואָס ווייסט ביי יעדער זאַך אַז עס קומט פון אויבן[ד], זיין גאַנצע פרנסה איז נאָר פון דעם וואָס דער אויבערשטער האָט באַשטימט פאַר אים, נאָר דער באַשעפער איז דער 'נותן לחם לכל בשר', איז ער ממשיך אויף זיך אַז מ'זאָל זיך פירן מיט אים פון הימל אויף אַן אופן פון 'לפנים משורת הדין', און אויך אפילו ער פאַרדינט עס נישט באמת, טוט דער אויבערשטער 'נושא פנים' זיין צו אים, וויבאַלד ער האָט 'נושא פנים' געווען צום באַשעפער און האָט

---

און דו וואָלסט זיך איינגעהאַלטן פון מיך אַוועקשיקן, וואָלסטו זוכה געווען צו קינדער תלמידי חכמים ווי איך בין (ווייל סוף כל סוף, האָב איך דאָך געהאַט ביי דיר אַ גוטע אכסניא), אָבער ווייל דו האָסט נישט געהאַט גענוג סבלנות, וועסטו האָבן קינדער ווי ראָטשילד!

פון דאַן אָן, האָט דאָס מזל פון געלט אָנגעהויבן צו שיינען ביי דער ראָטשילד משפחה, זיי זענען געוואָרן רייך, אָבער קיין תלמידי חכמים זענען נישט אַרויסגעקומען פון זייער משפחה.

אַמאָל ווען הרה"ק רבי שלום בער פון ליובאַוויטש זי"ע האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער, האָט ער באַמערקט אַז אויף דער גאַס שפילט איינער מיט אַ פידל, און נעבן אים שטייט זיין זון, אַ יונגל, און טאַנצט און פאַטשט מיט די הענט (די דורכגייענדיגע מענטשן פלעגן אַריינוואַרפן געלט אין אַ פושקע פאַר דעם שפיל). ווען דאָס קינד איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און ס'איז אים געוואָרן שווער, האָט ער אויפגעהערט צו טאַנצן און פאַטשן. האָט דער טאַטע אים געשלאָגן. דאָס קינד האָט אָנגעהויבן וויינען, אָבער ער האָט באַלד זיך ווידער גענומען טאַנצן און פאַטשן מיט די הענט...

האָט דער רש"ב געפרעגט די חסידים, וואָס איז דער אמת דאָ, דאָס וויינען, אָדער דאָס טאַנצן און פאַטשן?!

ווען דער גערער רבי, כ"ק אדמו"ר בעל "פני מנחם" זצ"ל, האָט דערציילט די מעשה, האָט ער געזאָגט:

- דער אמת איז, ס'איז אַ חילוק צו דאָס איז אַ איד אָדער אַ גוי. אַ איד לעבט מיט אמונה, 'עוז וחדוה במקומו', ער לעבט מיט אמונה אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, נאָר וואָס דען, יעצט טוט אים וויי, וויינט ער (נאָך אלעם איז ער דאָך נישט מער ווי אַ פשוט'ער בשר ודם). אָבער אַ גוי, וואָס ער האָט נישט קיין אמונה, איז זיין געוויין אמת'דיג, נאָר דאָס טאַנצן און קלאַטשען מיט די הענט איז דער שפיל!

**ד.** דער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל, בעל 'אביר יעקב' (וועגן וועמען דער גערער רבי, הרה"ק בעל בית ישראל זצ"ל, האָט געזאָגט ביי זיין לויה אַז 'אויב דער סאַדיגערער רבי האָט געהאַט אַ מנין חסידים, בין איך איינער פון זיי'...), האָט געוואוינט אין תל אביב, נישט ווייט פון דער באַקאַנטער 'יבנה שול'. ער האָט זיך געפירט יעדן טאָג צו קערן די גאַס פאָרנט פון זיין בית המדרש. די סיבה דערפון איז געווען, ווייל חודש אדר שנת תרח"ץ, ווען די דייטשן ימ"ש האָבן אָקופירט עסטרייך, און האָבן באַפוילן פאַר די אידן פון וויען צו קערן די גאַסן, האָט דער סאַדיגערער רבי גענומען אויף זיך, אַז אויב ער וועט זוכה זיין געראַטעוועט צו ווערן פון די רשעים און אַרויפקומען קיין ארץ ישראל, וועט ער קערן די גאַס אין ארץ ישראל, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קב, טו) 'כי רצו עבדיך את אבניה, ואת עפרה יחוננו'. דערציילט מען, אַז ווען דער סאַדיגערער רבי האָט - אויפ'ן באַפעל פון דעם נאַצי ימ"ש - געדאַרפט קערן די גאַס, האָט ער געזאָגט:

- רבונו של עולם! **דער גוי** (וואס הייסט מיך קערן די גאַס) **איז דיינער! איך, דער איד** (להבדיל) **בין אויך דיינער! דער בעזים איז אויך דיינער, און אויך די גאַס איז דיין גאַס. קומט אויס, אַז 'דיין' גוי, האָט באַפוילן פאַר 'דיין' איד, צו נעמען 'דיין' בעזים, און קערן 'דיין' גאַס... ממילא, טוה איך עס מיט אַ פרייליך האַרץ, ווייל אַלעס איז דיינס.** (ער האָט געמיינט צו זאָגן, איך טוה עס נישט פאַר'ן גוי, נאָר פאַר'ן באַשעפער).

דער לימוד לענינינו: מיר אַלע האָבן אַ 'גוי', און אַ 'גאַס', אַ 'בעזים', און אַ 'איד'. מיר פאַרגעסן אָבער אַז דער גוי, להבדיל דער איד, דער בעזים און די גאַס - אַלעס איז דעם אויבערשטען'ס!

אנגעהאנגען אויפ'ן באַשעפער ברוך הוא זיין פרנסה, טוט דער אויבערשטער 'נושא פנים' זיין אויך צו אים, און ער גיט אים מיט חסד און רחמים.

**נאָך** מער: דער וואָס טוט איינזאַפּן אין זיך די ריינע אמונה אַז דער אויבערשטער פירט אַלעס אויף דער וועלט, איז ער אייביג בשמחה, אויך אין שווערע צייטן. סיי אויב עס האַנדלט זיך אין פרנסה, ווי ס'איז דאָס לשון פון חז"ל אין דעם אויבן-דערמאַנטן מדרש, 'אדם מישראל יושב הוא ובניו ובני ביתו ואין לפניהם כדי שביעה', אָדער ווען עס האַנדלט זיך אין אַנדערע באַדערפענישן בגוף ובנפש, ווען ס'איז נישט 'כדי שביעה' - דער מענטש האָט נישט אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, טוט ער נאָך אַלץ נישט אָפּ פון זיין האַרץ די שמחה און די זעטיגקייט[ה], ווייל ער ווייסט אַז אַלעס איז אַ חסד פון דעם באַשעפער, ווי דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט געזאָגט אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען, 'ישבעו ויתענגו' - ווען קענען מענטשן זיין זאַט און פיל מיט פאַרגעניגנס? ווען עס איז 'מטובך' - ווען זיי גלייבן און ווייסן אַז אַלעס איז פונעם באַשעפער'ס חסד. דאַן זענען זיי שטענדיג זאַט און גליקלעך[ו].

---

**ה.** אַזוי זאָגט הרה"ק רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע (אין ספר 'חשבה לטובה'), אויפן פסוק (בראשית כד, סב) 'ויצחק בא מבוא באר לחי רואי, והוא יושב בארץ הנגב', 'יצחק', איז מרמז אויף שמחה. **פון וואו באַקומט אַ מענטש שמחה?** אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'מבוא באר לחי רואי', **ווען ער ווייסט ביי זיך אַז דער אויבערשטער קוקט אויף אים יעדע רגע, כאָטש** 'והוא יושב בארץ הנגב' - **ער פאַרמאָגט גאָרנישט, פונדעסטוועגן האַלט דער אויבערשטער זיין השגחה אויף אים צום גוטן.** ווען דער מענטש ווייסט דאָס, איז ער בשמחה.

הרה"ח ר' יוסף מאיר זיידל ע"ה (וועלכער האָט נאָך דער מלחמה געוואוינט אין מעקסיקאָ) האָט דערציילט, אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין ביים לעצטן 'טיש' וואָס דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, האָט געפירט אין פוילן פאַר דער מלחמה.

ביי יענעם טיש האָט דער 'אמרי אמת' געטיילט 'שיריים' פאַר'ן גאַנצן עולם, אָבער ר' יוסף מאיר האָט נישט באקומען שיריים. האָט ר' יוסף מאיר געהאַט גרויס עגמת נפש פון דעם וואָס דער רבי האָט אים 'איבערגעהיפּט', און אים נישט געשיקט פון די שיריים. נאָכ'ן טיש האָט ער געזאָגט צו הגה"ח ר' בערל אייזנער (וויערישובער) ז"ל, אַז ער איז צעבראָכן אויף 'שברי שברים', פון דעם וואָס דער רבי האָט אים איבערגעהיפּט, און נישט געשיקט שיריים. האָט ר' בערל אים געזאָגט:

- דו האָסט יאָ באַקומען, האָסט נישט באַקומען... **דער עיקר איז אַז דער רבי האָט געטראַכט וועגן דיר...**

דער סוף איז געווען, אַז די גאַנצע שורה פון חסידים וואָס האָבן דעמאָלס באַקומען שיריים פונעם 'אמרי אמת', זענען אַ קורצע צייט שפּעטער לײדער אומגעקומען אין דער מלחמה על קידוש השם. ר' יוסף מאיר איז געווען דער איינציגער וואָס האָט בחסדי השי"ת איבערגעלעבט די מלחמה.

**פון די מעשה לערנען מיר, אַמאָל דאַכט זיך פאַר אַ מענטש אַז מ'האָט אים כביכול 'איבערגעהיפּט' פון הימל. יעדער האָט שוין געפונען זייער זיווג, נאָר ער איז געבליבן אַליין... אַלע זענען 'מסודר' מיט פרנסה און מיט אַ גוטע אַרבעט, און נאָר ער איז געבליבן אַ 'שלימזל'... דאַרף ער וויסן, אַז דער עיקר איז אַז דער אויבערשטער האָט געטראַכט וועגן אים, און דאָס אַלעס איז אַוודאי נאָר פאַר זיין פולשטענדיגע טובה.**

**ו.** אַזוי שרייבט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע (פ' אחרי תרנ"ד, ד"ה 'במדרש'), אַז אויב דער מענטש איז זוכה צו די געהעריגע אמונה און בטחון, איז ער פאַרזיכערט אַז זיין גאַנצע הנהגה איז פון דעם באַשעפער, און אַלעס איז פאַר זיין פולשטענדיגע טובה, אויפ'ן בעסטן אופן פון אַלע טובות אויף דער וועלט.

מ'קען עס אפשר בעסער ערקלערן: דער גאַנצער צער נעמט זיך דאָך נאָר פון דעם וואָס דער מענטש שפּירט אייביג אַז עס 'פעלט אים'... עס פעלט אים געלט... עס פעלט אים געזונט חלילה, און אַזוי ווייטער. דאָס איז דערפאַר ווייל ער מיינט אַז עס 'קומט אים' אַלע טובות אויף דער וועלט. אָבער אויב דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אמונה, צו וויסן אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס פירט די וועלט און ער איז דער וואָס גיט אַלעס, דאַן איז אים זייער קלאָר אַז עס 'קומט אים' גאָרנישט... ווייל דער אויבערשטער איז אייביג משפיע פון דעם אוצר פון 'מתנת חינם', לויט ווי ס'איז **באמת** די טובה פאַר'ן מענטש, און ממילא, פרייט ער זיך אייביג מיט זיין חלק.

על דרך משל, אַ קליין יונגל איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַן אויטאָבוס, און געוויינט הויך אויפ'ן קול. האָט דער דרייווער אים געפרעגט, פאַרוואָס וויינסטו? האָט דאָס קינד געענטפערט, ווייל ער דאַרף פאָרן אַהיים מיט'ן באַס, אָבער ער האָט נישט גענוג געלט צו באַצאָלן פאַר דער רייזע. האָט דער דרייווער רחמנות באַקומען, ער האָט אַרויסגענומען געלט פון טאַש און עס דערלאַנגט פאַר'ן קינד ער זאָל אים באַצאָלן פאַר דער רייזע. דערנאָך האָט ער אים געגעבן אַ 'טיקעט', וואָס באַשטעטיגט אַז ער האָט באַצאָלט פאַר דער נסיעה מיט'ן באַס.

אַ קורצע צייט שפּעטער, פאָרנדיג אויפ'ן וועג, באַמערקט דער דרייווער אַז דאָס קינד וויינט ווייטער... האָט ער צוגערופן דאָס קינד און אים געפרעגט, 'פאַרוואָס וויינסטו יעצט' ... האָט דאָס קינד געענטפערט, 'איך האב געזען אַז די אַנדערע פּאַסאַזשירן באַקומען פון דיר געלט אויסער דאָס קאַרטל (אַלס רעשט ווייל זיי האָבן באַצאָלט מער ווי זיי האָבן געדאַרפט באַצאָלן). פאַרוואָס האָסטו מיר געגעבן נאָר אַ קאַרטל - אָן געלט'...

אָט אַזוי ווי דאָס דערמאָנטע יונגל אינעם משל, זעען אויס די אַלע מענטשן וואָס באַקלאָגן זיך און וויינען פאַרוואָס מ'טוט זיי 'באַ'עוול'ען'...

ס'איז באַקאַנט דער מאמר החכם אַז יעדער מענטש האָט אַ 'האַלב **פולן** גלאָז' מיט אַלעם גוטן, און עס דאַכט זיך אים אַז ער האָט אַ האַלבן **ליידיגן** גלאָז.

אַזוי האָבן אויך געזאָגט די זקני ירושלים (אַנדערע זאָגן עס נאָך אין נאָמען פון דעם אַלטן סקולענער רבי'ן, הרה"ק בעל 'נועם אליעזר' זי"ע): דו זאָלסטו נישט ווערן צועלייגט ווען דו זעסט אַז אַ האלב פון דיין גלאָז איז ליידיג, ווייל דו האָסט אַ טעות. דאָס גלאָז איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס. עס איז באַלד לכתחילה געווען אַ קליין גלעזל, און ס'איז פול... דאָס מיינט, פאַרוואָס האָסטו באַשלאָסן אַז לויט דיינע הויכע מדריגות קומט דיר אַזוי און אַזוי פיל, און שפּעטער וויינסטו ווען דו זעסט אַז דו האָסט נישט באַקומען וויפיל דו האַלטסט אַז עס קומט דיר?

דער גאון ר' יאַנקעלע גאַלינסקי זצ"ל פלעגט זאָגן וועגן זיך אַז ער איז אייביג פריילין, וויבאַלד ער איז נידריג, ממילא זעט ער אייביג נאָר דעם האַלבן פולן גלאָז (וואָס דאָס קענען זען אויך מענטשן וואָס זענען נידריג געוואַקסן).

פון ר' יאַנקעלע'ס ווערטער קענען מיר זיך לערנען אַ מוסר השכל, אַז **אויב דער מענטש טוט זיך אַביסל 'אַראָפּלאָזן', און ער טראַכט נישט אַז מ'איז אים 'שולדיג'... וועט ער אויך אייביג זען נאָר די פולע העלפט פונעם גלאָז.**

### מן הבאר

אַ וואונדערליך וואָרט האָט געזאָגט איינער פון די מגידים. דוד המלך ע"ה האָט דאָך געליטן יסורים אַלע זיינע יאָרן, ווי ער זאָגט אַליין אין תהילים (מ, יג) 'כי אפפו עלי רעות עד אין מספר', און ענליכע פּסוקים. דוד המלך אַליין זאָגט אָבער עדות אויף זיך, 'כוסי רויה' (תהילים כג, ה), דאָס הייסט, מיין גלאָז איז פול, עס גייט ממש איבער.

דאַרף מען פאַרשטיין, וואו איז פאַרשוואונדן זיין האַלב-ליידיגער גלאָז? נאָר וואָס דען, מיט זיין שטאַרקע אמונה אין באַשעפער האָט דוד המלך ע"ה געשפּירט אַז זיין גאַנצער גלאָז איז 'פול' - 'כוסי רויה'... ס'איז נישט ליידיג, און עס פעלט דאָרט גאָרנישט...

הרה"ק רבי מנחם נחום זצ"ל פון טריסק, אַ זון פון הייליגן טריסקער מגיד זי"ע, האָט, ווי באַקאַנט, זיך באַזעצט אין קאַטלענא, אַ פאָרשטעטל פון בריסק. איידער ער האָט זיך אַריינגעצויגן אַהין, איז ער צוגעפאָרן צום דעמאָלסדיגן בריסקער רב, דער גאון רבי יאָשע בער זצ"ל, בעל 'בית הלוי', צו באַקומען רשות פון אים זיך אַריינצוציען אין דער געגנט. זינט דעמאָלס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע ידידות צווישן דעם 'בית הלוי' און רבי נחום.

ווען דאָס הויז וואָס רבי נחום האָט זיך געלאָזט בויען אין קאַטלענא איז פאַרטיג געווארן, איז דער 'בית הלוי' געקומען מיט אַ באַזוך צו רבי נחום. נאכן באַטראַכטן דאָס הויז, האָט דער 'בית הלוי' געזאָגט מיט וואונדער צו דעם נייעם בעה"ב: 'דאָס הויז איז דאָך זייער קליין...' האָט רבי נחום אים געענטפערט, **'נו, אויף דעם איז דאָך דאָ אַ פּשוט'ע עצה, מ'מאַכט זיך אַליין קלענער, און דאַן איז דאָס הויז גענוג גרויס...'**

צוריקפאָרנדיג פון קאַטלענא קיין בריסק, האָט דער 'בית הלוי' געזאָגט צו זיינע תלמידים:

- איך האָב היינט געלערנט אין איין סעקונדע, אַ לימוד וואָס איך האָב נישט געלערנט אַלע מיינע יאָרן פון מיינע רבי'ס די גאונים!

ירחיק עצמו - די וויכטיגקייט צו מאַכן גדרים וסייגים כדי צו זיין אָפּגעהיטן

'איש או אשה כי יפליא לנדור נדר נזיר להזיר לה', מיין ושכר יזיר חומץ יין וחומץ שכר לא ישתה, וכל משרת ענבים לא ישתה וענבים לחים ויבשים לא יאכל. כל ימי נזרו מכל אשר יעשה מגפן היין, מחרצנים ועד זג לא יאכל' (ו, ב-ד).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, חז"ל זאָגן (סוטה ב.) אַז דאָס טרינקען זויין קען חלילה ברענגען דעם מענטש צו אַן עבירה. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט די תורה אויך גע'אסר'ט דעם נזיר צו עסן טרויבן, און אַפילו די קערנדלעך דערפון? זיי ברענגען דאָך נישט דעם מענטש צו זינדיגן.

**ענטפערט** דער 'אבן עזרא', אַז דער טעם פאַרוואָס דער נזיר טאָר נישט טרינקען עסיג אָדער עסן טרויבן, איז צו מאַכן אַ 'גדר', אַז ער זאָל זיך אינגאַנצן דערווייטערן פונעם וויין.

פון דעם לערנען מיר, אַז די תורה אַליין האָט מחייב געווען אַוועקצושטעלן גדרים און סייגים צו דערווייטערן זיך פון אַן עבירה! וויבאַלד דער נזיר טאָר נישט טרינקען וויין, דאַרף ער זיך אָפּשיידן אויך פון עסן טרויבן, כדי ער זאָל בכלל נישט צוקומען נאָנט צו אַן איסור.

**דער** אמת איז, אַז ווען מ'איז זיך מתבונן טיפער אין דער זאַך, זעט מען אַז דער גאַנצער איסור פון אַ נזיר צו טרינקען וויין איז דאָך אויך נישט אַן איסור פאַר זיך. ס'איז נאָר אַ גדר אַז דער נזיר זאָל נישט צוקומען צו אַן עבירה, און פונדעסטוועגן, האָט מען מחייב געווען דעם נזיר צו מאַכן נאָך אַ גדר, נישט צו עסן טרויבן. פון דעם לערנען מיר אַז ס'איז נישט גענוג צו מאַכן איין גדר זיך אָפּצושיידן פון אַן איסור, נאָר מ'דאַרף מאַכן אַ גדר אויף אַ גדר, אַ מויער אינדרויסן פון די מויער, כדי זיך אינגאַנצן צו דערווייטערן פון דער מעגליכקייט צוקומען צו אַן עבירה[ז].

---

**ז.** אַזוי זאָגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, אויף די ווערטער פון חז"ל (שבת יג:) לך לך אמרינן נזירא, סחור סחור לכרמא לא תקרב'. דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאַר דעם נזיר, וועלכער האָט זיך דאָך שוין געשטאַרקט און גענומען אויף זיך צו זיין אפגעשיידט פון וויין, און **פונדעסטוועגן איז אויך ער באַפוילן געוואָרן צוצולייגן נאָך אַ גדר און זהירות**, און גיין אַרום און אַרום, כדי אַפילו נישט צו זיך דערנענטערן צו אַן איסור.

## מן הבאר

אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט דעם בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, פאַרוואָס ער איז אַזוי מחמיר ביי יעדער זאַך, און טוט אייביג צוגעבן חומרות און גדרים זיך צו דערווייטערן פון אַ דבר איסור. וואָס איז דער טעם פאַר זיינע פילע חומרות? האָט דער בריסקער רב געענטפערט מיטן צוריקפרעגן דעם פרעגער:

- צי וואָלסטו מסכים געווען היינט ביינאַכט צו שלאָפן אויפן דאַך פון אַ גאָר הויכן טורעם, הונדערט שטאָק הויך, אויב דער דאַך האָט נישט אַ צוים אַרום זיך? ס'איז אָבער גענוג גרויס, און דיין בעט וועט ליגן ווייט פונעם עק?...

האָט דער איד געענטפערט, "ניין, ניין! איך האב מורא פאַר מיין לעבן! האָט דער בריסקער רב אים געפרעגט, 'וואָס האסטו מורא? ווען ביסטו דען דאָס לעצטע מאָל אַראָפּגעפאַלן פון דיין בעט? און אַוודאי און אַוודאי ווען עס האַנדלט זיך פון גאָר אַ גרויסן ברייטן דאַך, וואָס עס וועט אויסקומען אַז דו וועסט ליגן עטליכע פיס אַוועק פונעם עק?'

דער איד האָט זיך אָבער ווייטער געהאַלטן ביי זיינס, אַז ער האָט נאָך אַלץ מורא, און ער וועט נישט מסכים זיין - אַפילו פאַר אַ גרויסן פאַרמעגן, צו שלאָפן אויף אַזאַ דאַך. האָט דער בריסקער רב אים געזאָגט:

- אויב פאַר דיין גשמיות'דיגן קערפער האָסטו מורא אַז דו וועסט חלילה אַראָפּפאַלן אויב ס'איז נישט דאָ אַ צוים ביים עק פונעם דאַך, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי ביי רוחניות - **ביי ענינים פון דיין נשמה דאַרפסטו אַוודאי אַוועקשטעלן גדרים און צוימען, 'וכל המרבה הרי זה משובח'**, ווייל ס'איז דא אַ גרויסער חשש אַז דו זאָלסט חלילה אַדורכפאַלן.

**דער** מדרש זאָגט (שמ"ר פט"ז, ב), מיר געפינען צוויי פרשיות נאָנט געשטעלט איינע צו דער אַנדערער, די פרשה פון נזיר און די פרשה פון סוטה. ווען דער נזיר מאַכט אַ נדר נישט צו טרינקען וויין, זאָגט אים דער אויבערשטער, דו האָסט געמאַכט אַ נדר נישט צו טרינקען וויין כדי זיך צו דערווייטערן פון אַן עבירה. זאָלסטו נישט זאָגן איך וועל עסן טרויבן, און איך וועל נישט טוהן קיין עבירה. נאָר וויבאַלד דו האָסט געמאַכט אַ נדר נישט צו טרינקען וויין, לערן איך דיר אַ וועג אַז דו זאָלסט נישט זינדיגן פאַר מיר, עכ"ל.

**א** וואונדערליכן חידוש געפינען מיר להלכה אין די 'פרישה' (יו"ד סי' שפג סק"ה) אויף די ווערטער פון דער גמרא (שבת יג.), 'לך לך אמרין נזירא, סחור סחור לכרמא לא תקרב'. דער פשוט'ער פשט פון דעם איז, אַז חז"ל קומען אונז לערנען אַז דער נזיר דאַרף זיך דערווייטערן פון דעם וויינגאָרטן. מ'זאָגט פאַר דעם נזיר, גיי ארום און ארום דעם וויינגאָרטן, קום נישט צו נאָנט אַדורכצוגיין דורכ'ן וויינגאָרטן אַליין, אויך אויב דו וועסט צוליב דעם דאַרפן גיין אַ לענגערן וועג, כדי נישט זיך אָנצוטרעפן מיטן וויינגאָרטן, ווייל דו קענסט נאָך ח"ו געשטרויכלט ווערן מיטן עסן טרויבן.

**אויף** דעם זאָגט דער 'פרישה', אַז די וועלט האָט אַ טעות אין דעם פירוש, נאָר חז"ל האָבן געמיינט צו זאָגן, 'אמרינן לנזירא סביב לכרם לא תקרב' - מאַך אַ 'משמרת' פאַר דעם 'משמרת'. דו זאָלסט נישט צוקומען נאָנט, אַפילו 'אַרום' דעם וויינגאָרטן[ח]. פון דעם

---

**ח.** דער מגיד מישרים הגה"צ רבי יענקעלע גאלינסקי זצ"ל, האָט געזאָגט אַ שיינעם משל, אַ מענטש וואָס איז ליידער פאַרזינקען אינעם 'ביטערן טראָפּן', וואו ער געפינט זיך, אינדערהיים אָדער אונטערוועגנס, ווען ער לייגט זיך און ווען ער שטייט אויף פון שלאָף, איבעראל וואו ער גייט, האָט ער מיט זיך דאָס 'פלעשל'... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז ער איז אויך פאַרזינקען געוואָרן אין חובות און זיין געזונט-צושטאַנד איז געוואָרן געשעדיגט רח"ל. ענדליך האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער מוז אויפהערן 'טרינקען'... ער האָט זיך אָבער נישט געקענט אָפּרייסן אויף איין מאָל פון דעם 'טרינק', האָט ער דעריבער גענומען אויף זיך אַ קבלה, קיינמאָל נישט צו טרינקען אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך איינעם - 'טובים השנים מן האחד'... אַזוי אַרום וועט ער מוזן טרינקען וויניגער, ווייל נישט יעדן טאָג פּאַסירט אַ 'נס', אַז מ'זאָל טרעפן נאָך איינעם מיט וועמען צו טרינקען...

אין אַ געוויסן טאָג, האָט זיך אים זייער אָנגעגליסט צו טרינקען. וואָס קען ער אָבער טוהן? ער האָט דאָך זיך אַליין 'פאַרבאָטן' צו טרינקען אָן אַ 'שותף'. איז ער אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן כדי צו זוכן, אפשר וועט ער געפינען אַן אַדורכגייער וואָס וועט מסכים זיין אַריינצוקומען אין זיין הויז און טרינקען צוזאַמען מיט אים. ער האָט אָבער נישט געפונען קיינעם מיט וועמען צו טרינקען. די תאווה האָט זיך כסדר געשטאַרקט אויף אים, ביז ער האָט געטראַכט ביי זיך, 'דערווייל וועל איך אַראָפּלייגן דאָס פלעשל מיט די גלעזלעך אויפ'ן טיש (דאָס מעג ער דאָך טוהן...). דאַן איז ער נאָך אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַס, און זיך ממש געבעטן ביי מענטשן אַריינצוקומען צו אים אויף אַ טרינק, אָבער אָן ערפאָלג.

דערווייל האָט אין אים 'געבערענט' דער גליסט צום וויין, האָט ער באַשלאָסן קודם-כל אָנצוגיסן די גלעזער, כדי אַז אין דער מינוט ווען ער וועט טרעפן אַ 'שותף' צו טרינקען, זאָל ער קענען טרינקען אָן אַן אָפּהאַלט...

דאַן איז ער צום דריטן מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָבער ער זעט נישט קיינעם אויפ'ן גאַס. און אָט האָט ער געזען ווי אַ ווערימל קומט-צו נעבן דעם גלאָז. ער קריכט אַרויף, און טרינקט אַביסל פונעם וויין... האָט ער געטאַנצט פאַר שמחה, אַהּ, ברוך השם... איך האָב אַ 'שותף' צום טרינקען, און אַזוי האָט ער אויסגעטרינקען אויף איינמאָל ביידע גלעזלעך...

רבי יאַנקעלע גאַלינסקי האָט אויסגעפירט דעם משל: 'לאָמיר מאַכן אַ חשבון, וואָס האָט גורם געווען פאַר אים 'דורכצופאַלן' און טרינקען פונעם וויין מיט דער איינרעדעניש אַז ער האַלט זיך ביי זיין קבלה, וויבאַלד ער האָט מיט זיך אַ חבר? איז דער תירוץ, דאָס אַראָפּלייגן דעם וויין אויפ'ן טיש און אָנפילן די גלעזער, דאָס האָט גורם געווען... ווייל ווען דער וויין איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, האָט ער זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן, און אַזוי האָט ער ערפינדן אַ 'לומדישע' מחשבה. אויב דער וויין וואָלט געלעגן אין פעסל, נישט אויפ'ן טיש, וואָלט ער זיך אַוודאי געקענט איינהאַלטן פון טרינקען. פון דעם לערנען מיר ווי ווייט מ'דאַרף זיך דערווייטערן פון אַ נסיון. 'לך לך אמרינן נזירא, סחור סחור לכרמא לא תקרב'.

קען מען לערנען ווי ווייט מ'דאַרף זיך דערווייטערן **מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער 'שם משמואל' (פ' נשא תער"ד, ד"ה 'והביא'), אויף די רש"י זאָגט אַפילו פון אַרום און אַרום[ט] דאָס שלעכטע'.

---

**ט.** אַ חסיד פונעם טריסקער מגיד זי"ע, האָט אַמאָל געבעטן רשות פונעם מגיד צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל דאָ פלאָגט ער זיך פאַר פרנסה, און אין אַמעריקע, איז פיל לייכטער צו פאַרדינען אַ דאָלאַר. דער מגיד האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען ער זאל פאָרן, און אויך נאָך דעם וואָס ער האָט עטליכע מאל געבעטן רשות, האָט ער עס נישט באַקומען פונעם מגיד.

אַמאָל האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר'ן מגיד, 'מ'הערט דאָך אַז אויך אין אַמעריקע זענען דאָ תלמידי חכמים און לומדי תורה, פאַרוואָס וויל דער רבי נישט מסכים זיין אַז איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע?'

האָט דער טריסקער מגיד אים געענטפערט מיט אַ משל, אַ תלמיד חכם און אַן עם הארץ האָבן זיך געטראָפן אין איין אכסניא. דער תלמיד חכם האָט געהאַלטן אין האַנט אַ קליינעם סידור, אָבער דער עם הארץ האָט געהאַט אַ דיקן סידור, פול מיט הקדמות און ביאורים פון די ראשונים און אחרונים. האָט דער תלמיד חכם געבעטן דעם עם הארץ: 'קום, לאָמיר זיך טוישן מיט די סידורים, וועט אונז ביידן זיין גוט און פיין. איך וועל זיך קענען פאַרטיפן אין די פירושים וואָס די מפרשים שרייבן אויפ'ן סידור, און פון דער צווייטער זייט, וועסטו נישט דאַרפן טראָגן אַזאַ שווערן סידור'.

דער עם הארץ האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון, זאָגנדיג אַז עס איז פאַר אים בעסער צו האַלטן דעם גרויסן סידור, ווייל דאַן, אַפילו אויב עס וועלן אַרויספאַלן עטליכע בלעטלעך, וועט נאָך אַלץ איבערבלייבן אין דעם סידור דאָס בלעטל וואו עס שטייט 'אדון עולם'. אַנדערש איז אָבער מיט'ן קליינעם סידור, וואָס ביים ערשטן בלעטל וואָס וועט אַרויספאַלן, וועל איך באַלד פאַרלירן דעם 'אדון עולם'...

דער טריסקער מגיד האָט אויסגעפירט: 'כל זמן דו וואוינסט נאָך אין אַ סביבה וואו עס וואוינען ערליכע אידן, ביזטו אַזוי ווי יענער דיקער סידור, וואָס אויך אויב דו וועסט חלילה פאַלן פון דיין מדרגה, וועסטו כאָטש בלייבן מיט דיין אמונה, און דיין 'אדון עולם', וועט בלייבן בשלימות... אָבער אויב דו וועסט זיך אַריבערציען קיין אַמעריקע, האָב איך מורא אַז מיט איין 'ריס' וועסטו פאַרלירן דעם גאַנצן 'אדון עולם'... דיין גאַנצע אמונה וועט חלילה גיין צוגרונד, ווייל דו וועסט נישט האָבן אַ גוטע סביבה וואָס זאָל דיך אָפּהיטן'. (דאָ רעדט מען פון אַמעריקע אין יענע צייטן, נישט אַזוי ווי היינט, ווען אַמעריקע איז אַ מקום תורה וואו עס געפינען זיך הונדערטער טויזנטער אידן יראים ושלימים, בלי עין הרע).

**דאָס זעלבע לענינינו, נישט נאר דער נזיר און נישט נאר קיין אמעריקא. יעדער איד, אויב די סביבה איז נישט אַרומגענומען מיט ערליכע אידן יראי ה', איז דער גאַנצער 'אדון עולם' פון דעם מענטש און זיינע קינדער אין אַ סכנה פאַרלוירן צו גיין ח"ו.**

**י.** עס דערציילט דער משמש פון דעם גאון בעל 'מנחת יצחק' זצ"ל גאב"ד ירושלים (יומא דהילולא, י"א סיון), אַז איינמאָל ווען דער 'מנחת יצחק' איז אַרויסגעגאַנגען מיט אים פון זיין הויז אויף רחוב ישעיהו אין ירושלים, וואו פון דער רעכטער זייט איז געווען 'ככר השבת', און אויף דער לינקער זייט איז געווען אַן אָרט פון תועבות רח"ל. האָט דער 'מנחת יצחק' געזאָגט צו זיין משמש, אין אַ ווייטאָגליכן טאָן:

- אין אַלע מיינע ספרים, שאלות ותשובות 'מנחת יצחק', איז נישט דאָ אַפילו איין שאלה וואו איך בין אָנגעפרעגט געוואָרן אויב מ'מעג גיין דאָ אויף דער לינקער זייט, נעבן דעם טמא'נעם אָרט...

הרה"ח ר' מנחם אייזנבאַך ז"ל פון ירושלים, וועלכער איז געווען אַ שטוב-מענטש ביים גאון בעל 'מנחת יצחק' זצ"ל, האָט געאַרבעט פאַר פרנסה פון אַרומגיין צווישן די געשעפטן פון 'תשמישי קדושה' אין ירושלים, וואָס ער האָט צוגעשטעלט פאַר זיי טליתים און ציצית, ספרים און מזוזות, טלית און תפילין בייטלעך, און אויך חפצים של מצוה וואָס קומען אין יו"ט צייט, ווי צום ביישפיל חנוכה-מנורות און מגילות.

ר' מנחם פלעגט האַלטן זיין סחורה אין אַ 'גאַראַזש', וואָס ער האָט געהאַט אין דער געגנט פון מאה שערים. נישט האָבנדיג אַ קאר אַרומצופירן די סחורה, פלעגט זיין גאַנצער האַנדל באַשטיין פון אַרומגיין צופוס פון איין אָרט צום אַנדערן.

צווישן די סוחרים מיט וועמען ר' מנחם האָט געהאַנדלט, זענען געווען עטליכע געשעפטן פון תשמישי קדושה אויף רחוב יפו (וואו עס דרייען זיך נישט דווקא ערליכע אידן...). איין טאָג האָט ער זיך מיישב געווען, אַז ס'איז נישט קיין

אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ה, יב) 'תשטה אשתו' וגו', זאָגט רש"י, אַז דער פשוט'ער פשט אין פסוק איז, 'כי תשטה' - מלשון 'תט מדרכי צניעות', זי נייגט אַוועק פון די וועגן פון צניעות.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, איר מאַן האָט דאָך שוין געמאַכט 'קינוי' פאַר איר, און זי האָט זיך אויך באהאלטן, אַזוי אַז מ'קען פאַרשטיין אַז זי האָט געזינדיגט ל"ע. אויב אַזוי, פאַרוואָס ווערט זי גערופן 'סוטה', אַז זי האָט נאָר אַוועקגענייגט, פון די וועגן פון צניעות. זי האָט דאָך געטוהן פיל ערגערס פון דעם.

**ענטפערט** דער 'שם משמואל', ווייל די גמרא זאָגט (סוטה ג., געברענגט אין רש"י, דאָ אויפ'ן פסוק) אַז דאָס וואָרט 'תשטה', איז פון לשון 'שטות', ווייל 'אין אדם חוטא אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות'. דער מענטש זינדיגט נאָר ווען עס גייט אַריין אין אים אַ רוח פון נאַרישקייט.

די הסבר דערפון איז, ווייל דער יצר הרע ווייסט אַז ער קען נישט אַראָפּוואַרפן דעם מענטש אין איין מינוט פון דער העכסטער מדריגה צו דעם טיפסטן גרוב, ער ווייסט אַז דער מענטש וועט אים נישט פאָלגן צו טוהן אַ 'גראָבע' עבירה חלילה. נאָר וואָס דען? ער פּרובירט אים איבערצורעדן צוביסלעך, ווי חז"ל זאָגן, (שבת קה:) 'היום אומר לו עשה כך ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה'. אויך די סוטה האָט אין אָנהייב געטראַכט ביי זיך, וואָס וועט שוין פּאַסירן אויב איך וועל אַביסל אָפּנייגן פון די צניעות? צוליב דעם איז אָבער אַריינגעקומען אין איר דער 'רוח שטות', ביז זי איז אַנגעקומען וואו זי איז אָנגעקומען רח"ל. צוליב דעם רופן איר חז"ל מיט'ן נאָמען 'סוטה', כדי אונז צו לערנען, אַז **דאָס וואָס עס האָט שפּעטער פּאַסירט איז געקומען צוליב דעם קליינעם 'אַוועקנייגן' פון די וועגן פון צניעות!**

**לערנען** מיר אויך פון די ווערטער פון דעם 'שם משמואל', ווי ווייט מ'דאַרף זיך היטן נישט

---

תכלית פאַר אַן ערליכן איד זיך צו דרייען אויף אַזאַ גאַס, און ער האָט דעריבער פעסט באַשלאָסן, אַז פון יעצט און ווייטער וועט ער נישט גיין פאַרקויפן אויף אַזעלכע ערטער ווי רחוב יפו און דאָס גלייכן. ער האָט געלאָזט וויסן פאַר די דאָרטיגע סוחרים, אַז פון יעצט און ווייטער, וועט ער אויפהערן צו קומען אַהין, און יעדער סוחר פון דאָרט וואָס וויל קויפן ביי אים תשמישי קדושה, קען קומען קויפן ביי אים אין זיין גאַראַזש אין מאה שערים, און ער וועט עס אים גערן פאַרקויפן.

נאָכ'ן אננעמען אַזאַ באַשלוס, האָט ר' מנחם אייזנבאַך אָבער באַקומען ספיקות אין האַרץ, צי ער האָט געטוהן ריכטיג. ער האָט דאַן פונקט אָנגעהויבן חתונה מאַכן די קינדער בלי עין הרע, וואָס פאָדערט גרויסע הוצאות. ער האָט אַלזאָ אַריינגעקלערט אַז אפשר דאַרף ער - צוליב דעם חיוב פון 'השתדלות' - ווייטער פאָרזעצן אַהין צו גיין.

זייענדיג אַ 'בן בית' ביים 'מנחת יצחק', וואו ער פלעגט אַריינקומען כמעט יעדן טאָג, האָט ר' מנחם געפרעגט דעם רב אויב האָט ער געטוהן ריכטיג. האָט דער 'מנחת יצחק' אים געענטפערט:

- אויב דו וואָלסט מיך געפרעגט פריער, איידער דו האָסט אָנגענומען דיין באַשלוס, ווייס איך נישט אויב איך וואָלט גע'פסק'נט אַז דו זאָלסט אַזוי טוהן, אויפצוהערן פאַרקויפן די תשמישי קדושה פאַר די געשעפט אויף רחוב יפו. אָבער וויבאַלד דו האָסט שוין געטוהן למעשה, ווייל איך דיר ווינטשן דו זאָלסט מצליח זיין, און איך וועל אַפילו מתפלל זיין צום באַשעפער אַז דו זאָלסט האָבן הצלחה, און ס'זאָל דיר גאָרנישט פעלן'.

דער משמש פונעם 'מנחת יצחק' האָט אונז געזאָגט ביים דערציילן די מעשה, אַז דער רב האָט זייער שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם גוטן באַשלוס וואָס ר' מנחם האָט געמאַכט.

## מן הבאר

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, ברענגט (מאמרים לחג השבועות) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, אויף די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין 'אקדמות' אין יום טוב שבועות, **'למחזי באנפי עין כות גירי קשתא' - דער מענטש דאַרף זיך היטן נישט צו קוקן וואו מ'טאָר נישט קוקן, אַזוי ווי איינער וואָס מ'וויל אים שיסן חלילה, און די קויל געפינט זיך אַנטקעגן זיין פּנים.**

אויפצורייסן אַ גדר אַפילו מיט אַ 'משהו', ווייל פון אַ קליינע אָפּנייגונג קען מען חלילה אָנקומען ביז צום שאול תחתיות רח"ל, ה' ירחם.

**וקדשתם היום ומחר - האַלטן די התעוררות און קבלות פון יום טוב שבועות**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער סדרה (ז, פד-פח) 'זאת חנוכת המזבח ביום המשח אותו וגו', זאת חנוכת הבית אחרי המשח אותו'.

**טייטשט** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע ('ליקוטי יהודה', פרשתינו, ע' ס') אַז דער פסוק קומט מרמז זיין, אַז ס'איז נישט גענוג וואָס מ'באַקומט די גרויסע השפעות 'ביום המשח' - אין דער צייט פון אַ התעלות, נאָר דער עיקר איז ממשיך צו זיין די קדושה פונעם יום טוב, 'אחרי המשח' - נאָך דעם ווי דער יום טוב גייט אַוועק.

**דאָס** איז נאָך מער געזאָגט געוואָרן יעצט, נאָך די 'חתונה' פון אידישע קינדער מיט די הייליגע תורה, דאַרפן מיר זען אַז עס זאָל זיין אַ 'בנין עדי עד'[יא], און אַ 'קשר של קיימא'[יב], ווי ס'איז מרומז אין דעם פסוק פאַר מתן תורה (שמות יט, י) 'וקדשתם היום ומחר'. דאָס איז אַ רמז, אַז דער יום טוב זאָל נישט אַוועקגיין אַזוי ווי עס איז געקומען, נאָר אויך צומאָרגנס

---

**יא.** אַזוי זאָגט דער 'תפארת שלמה' (עניני שמיני עצרת, פסח) אויף די תפילה וואָס מיר זענען מתפלל אין די ימים טובים, 'והשיאנו ה' אלקינו את ברכת מועדיך'. 'והשיאנו', איז פון לשון 'נישואין' - אַ חתונה.

קען מען זאָגן לענינינו, אַז פונקט אַזוי ווי ביי יעדע חתונה ווינטשט מען עס זאָל זיין אַ 'בנין עדי עד', דאַרפן מיר אויך דאָ, ביי די ימים טובים, בעטן און טוהן פעולות אַז דער 'בנין' זאָל בלייבן אויך נאָך יום טוב - אויף אייביג.

על דרך משל, אַ מענטש קומט צו אַ חתונה און ער וויל וויסן ווער ס'איז דער חתן, ווייל אַלע מחותנים און קרובים גייען דאָך אנגעטוהן ביי די חתונה מיט בגדי שבת. אָבער ווען ער זעט אַ טאָג שפּעטער איינעם וואָס טראָגט נאָך אַלץ די בגדי שבת ויום טוב, ווייסט ער אַז דאָס איז דער חתן...

דאָס זעלבע איז מיט די 'חתונה' פון מתן תורה. **דער מענטש וואָס בלייבט מיט די תורה אויך נאָכ'ן יום טוב שבועות, איז דער ריכטיגער 'חתן' פון דער תורה.**

**יב.** פאַלגענד איז אַ וואונדערליכע מעשה וואָס לערנט אונז אַז 'אין סגולה כתורה'. פאַריאַר, ל"ג בעומר תשפ"ה,

ווען ל"ג בעומר איז געווען פרייטאָג, איז אַ חשוב'ער בחור פון ירושלים געפאָרן קיין מירון צוזאַמען מיט זיין קהילה. זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון ירושלים דאנערשטאג נאכט און זענען אָנגעקומען אין חצור (אַ שטאָט אין גליל) אינמיטן נאַכט. דאָרט האָבן זיי זיך געפרייט מיט די שמחה פון רשב"י ביז נאָכ'ן דאַווענען שחרית 'ותיקין'. דאַן זענען זיי געפאָרן קיין מירון, מתפלל געווען ביים הייליגן ציון פון רשב"י, און דערנאָך זענען זיי צוריקגעפאָרן קיין ירושלים, וואו זיי זענען נאָך אָנגעקומען בעוד היום גדול, אין זייער בית המדרש.

ביים אָנקומען אין ירושלים האָט דער בחור געכאַפּט אַז ער האָט נישט זיינע תפילין. האָט זיינס אַ חבר אים געזאָגט, 'לאמיר זיך פּרובירן דערמאַנען וואו מיר זענען געווען די לעצטע 24 שעה, און מ'וועט זיך נאָכפרעגן ביי יעדן איינעם אויב מ'האָט געפונען תפילין'. דער חבר האָט טעלעפאָנירט צו די אכסניא וואו זיי זענען איינגעשטאַנען אין חצור, אָבער יענער האָט נאָכן זוכן געזאָגט אַז ער טרעפט נישט אַ פּאָר תפילין. דאָס זעלבע האָט געענטפערט דער 'דרייווער' פונעם באָס, אַז ער האָט שוין געריינגיגט דעם באָס, אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען. אַן ענליכן ענטפער האָבן זיי באַקומען פון דעם גבאי פון זייער בית המדרש אין ירושלים, אַז ער האָט געזוכט צווישן אַלע תפילין-בייטלעך, און ס'איז נישט דאָ דאָרטן אַ פּאָר תפילין מיט'ן נאָמען פון דעם דערמאָנטן בחור.

דער בחור וואָס האָט פאַרלוירן די תפילין האָט געזאָגט צו זיין חבר, אַז ווי עס זעט אויס וועט ער זיך מוזן מייאש זיין פון צו טרעפן זיינע תפילין. זיין חבר האָט אים אָבער געשטאַרקט און געזאָגט אַז ס'איז נישט דאָ אויף די וועלט אַזאַ זאַך ווי יאוש. 'מיט'ן באַשעפער'ס הילף, וועלן מיר געפינען דיינע תפילין', האָט ער אים באַרואיגט.

זיין גוטהאַרציגער חבר האָט נישט גערוהט. ער האָט זיך נאָך אַמאָל פאַרבונדן מיט די אַלע פריער-דערמאַנטע מענטשן (דעם בעל אכסניא אין חצור, דעם דרייווער פונעם באָס, און אַזוי ווייטער), אָבער אַלע האָבן געענטפערט אַז זיי האָבן נישט די מינדעסטע השגה וואו עס קענען זיך געפינען די תפילין. דעם בחור'ס חבר האָט אָבער געהאַלטן כסדר אין איבער-חזר'ן, 'אַז אויך אויב דו ביזט דיך מייאש, בין איך נישט גרייט אויפצוגעבן'...

פון יום טוב, זאָל מען געדענקען אַז מ'האָט ערשט מקבל געווען די תורה.

**ס'איז** באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע ('קדושת לוי', שבועות, ד"ה 'נשאלתי'), אַז מ'האָט אים געפרעגט אין 'מדינת ליטא', פאַרוואָס ווערט דער יום טוב שבועות אָנגערופן 'עצרת'. אין דער תורה שטייט דאָך דאָס וואָרט 'עצרת' נאָר ביי שמיני עצרת?

**ענטפערט** דער 'קדושת לוי' (אינעם דריטן תירוץ), לויט ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט ('אמונה ובטחון', פי"ט) אויפ'ן פסוק (שה"ש ב, ז) 'אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ', אַז ווען דער מענטש שפירט ביי זיך אַ התעוררות צו עבודת השם, זאָל ער מאַכן אַ 'כלי' פאַר די התעוררות, דורך מקיים זיין אַ מצוה, אָדער דורך לימוד התורה, כדי איינצוהאַלטן און אָפּהיטן אין זיך די הייליגע געפילן. אויף דעם זאָגט דער פסוק 'אם תעירו ואם תעוררו את האהבה' - אויב עס ווערט נתעורר אין אידישע קינדער אַ ליבשאַפט צו דעם אויבערשטען, 'עד שתחפץ' - זאָלן זיי מאַכן פון דעם אַ 'חפץ' און אַ 'כלי', צוזאַמענצונעמען און אָפּהיטן די התעוררות פאַר אַ לאַנגע צייט, עס זאָל נישט אויסרינען און פאַרשווינדן אַזוי שנעל ווי ס'איז געקומען.

**זאָגט** דער 'קדושת לוי', אַז צוליב דעם ווערט דער יום טוב שבועות אָנגערופן מיט'ן נאָמען 'עצרת', פון לשון 'איינהאַלטן', מ'זאָל איינהאַלטן אין זיך אַלע השפעות פון דעם יום טוב.

**פון** די ווערטער פונעם 'קדושת לוי' לערנען מיר, אַז דער עיקר תכלית פונעם יום טוב איז, ממשיך צו זיין די הארה פון דעם יום טוב פון קבלת התורה אויף שפעטער.

**לײַדער**, רוהט אָבער נישט דער יצר הרע. ער וויל צעשטערן יעדע התעוררות וואָס ווערט ערוועקט אין אַ אידיש האַרץ צו דעם אויבערשטען ברוך הוא. ער פּראָבירט מיט אַלע כוחות צו אָפּקילן די התלהבות און גוטע רצונות, וואָס נעמען אַרום דעם מענטש נאָך יום טוב, נאָך דעם ווי יעדער איינער האָט זיך אויפגעהויבן לויט זיין מצב[יג]. און נישט נאָר דאָס, נאָר חז"ל זאָגן (סוכה נב.) 'כל הגדול מחבירו, יצרו גדול הימנו'. אין דעם כלל זענען מיר אין דער יעצטיגער

---

זענענדיג ווי דער בחור איז אין אַ קלעם, האָבן פיר פון זיינע חברים איינשטימיג באַשלאָסן אָפּצורעכטן דינסטאָג פרשת בהר-בחוקותי, אַ 'סדר' פון לערנען צען שעות ברציפות - אָן אַ הפסק (נישט עסן אָדער אַפילו טרינקען און דאָס גלייכן), כדי דער בחור זאָל זוכה זיין צוריקצובאַקומען זיינע תפילין.

מיט מסירות נפש, האָבן זיי געלערנט ברציפות אין איין המשך, פון 9:15 אינדערפרי, ביז 7:15 אין אָוונט. און וואונדער איבער וואונדער: צוויי שעה שפעטער, 9:15 אָוונט, האָט דער בחור שוין געהאַט זיינע תפילין... ווייל דער אַראַבישער דרייווער האָט נאָך אַמאָל אַדורכגענישטערט דעם באַס, און ער האָט עס געפונען... (דאָס שטייט דאָך טאַקע אין דער פרשה פון תפילין: 'למען תהיה תורת ה' בפיך'. דורך די תורה, קען מען געפינען די תפילין...).

מ'זאָגט, אַז ס'איז פיל לייכטער צו מאַכן אַן 'אַפּיל' און צוזאַמענעמען געלט וואָס מ'דאַרף האָבן צו קויפן רש"י און רבינו תם תפילין ... איידער צו האָרעווען צען שעה אויף די תורה, אָבער למעשה האָט מען אויפגעטוהן מיט די יגיעה, ווי די גמרא זאָגט (מגילה ו:) 'יגעת ומצאת תאמין'...

**יג.** איינער פון די וועגן פונעם יצר הרע איז צו שטערן און צעטומלען דעם מענטש, דורך אַריינברענגען אין זיין מוח דמיונות אַז ער האָט זיך שוין דערווייטערט פון דעם יום טוב. ער האָט זיך שוין 'אָפּגעקילט' פון די התעוררות, און ער שטייט שוין נישט אויף דער הויכער מדריגה ווי אינעם יום טוב, ממילא האָט ער נישט קיין שום שייכות צו די התעוררות און די קבלות וואָס ער האָט גענומען אויף זיך, ער וועט שוין מוזן וואַרטן אויף קומענדיגן יאָר שבועות הבעל"ט...

איז כדאי צו דערציילן די מעשה וואָס ס'האָט פּאַסירט אין דער באַקאַנטער שטאָט כעלם, אַז ווען מ'האָט ערפינדן די באַן, האָבן די 'חכמי כעלם' אויך געגליסט צו באַקומען אַזאַ באַן, וואָס זאָל אויפהייבן דעם כבוד פון זייער שטאָט... האָבן זיי געברענגט באַן-וואַגאָנען, אָבער מיט זייער נאַרישן שכל, האָבן זיי פאַרגעסן צוגרייטן באַן-שינעס אויף וועלכע די באַן זאָל פאָרן. זיי האָבן אויך נישט צוגעגרייט אַ לאָקאָמאָטיוו, און ממילא איז פאַרשטענדליך, אַז די באַן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

צייט, נאָך דעם הייליגן יום טוב שבועות, ווען מיר האָבן מקבל געווען די תורה, ווען יעדער איד איז זוכה צו אַ מדריגה פון נבואה, און ער ווערט גערעכנט אַזוי ווי אַ מלאך, טוט דער יצר הרע פּרובירן זיך שטאַרקן אויפ'ן מענטש, אַז ער זאָל פאַרגעסן די התעוררות וואָס ער האָט געהאַט אין דעם הייליגן יום טוב, און דאַן וועט ער אים קענען אַראָפּפירן אין שאול תחתיות רח"ל, ה' ירחם. ממילא, דאַרף מען זען צו שטיין אויף דער וואך קעגן דער פינצטערער נעץ פונעם יצר הרע.

**די** גמרא זאָגט (ברכות סג. סוטה ב.) אַז די פּרשה פון סוטה איז געשטעלט געוואָרן אין דער תורה (אין דער הייַנטיגער סדרה) נעבן די פּרשה פון נזיר, אונז צו לערנען, אַז ווען מ'זעט אַ סוטה בקלקולה דאַרף מען זיך אָפּשיידן פון טרינקען וויין (אַזוי ווי דער נזיר). איז שווער, לכאורה, אדרבה, איינער וואָס האָט געזען מיט זיינע אויגן אַזאַ האַרבע עבירה, טוט ער זיך סיי-ווי דערוויטערן דערפון. ממילא, פאַרוואָס דאַרף ער זיך אָפּשיידן פונעם וויין? ער האָט דאָך שוין געזען וואָס עס פּאַסירט אויב מ'זינדיגט ח"ו.

**ענטפערט** הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע (פרי הארץ, פרשתינו), לויט ווי דער תנא פון דער משנה זאָגט (אבות פ"ג מ"ט) 'כל שמעשיו מרובין מחכמתו חכמתו מתקיימת, וכל שחכמתו מרובה ממעשיו אין חכמתו מתקיימת', ווייל חז"ל זאָגן דאָך 'כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו'. ממילא, ווען איינער זעט וואָס עס פּאַסירט מיט די סוטה [וואָס דאָס איז דאָס איינציגע אָרט וואו מ'האט אונז צוגעזאָגט אַז ס'וועט געשען אַן אָפּענער נס], האָט ער דאָך באַקומען נאָך חכמה אויף זיין פריערדיגע חכמה. ער איז געוואָרן קלוגער ווי פריער, דורך דעם וואָס ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אויגן ווי שרעקליך ס'איז ווען מ'גייט נאָך די תאוות. ממילא, וויבאַלד ער איז געוואָרן קלוגער ווי פריער, דאַרף ער באַלד פאַרמערן צו טוהן מעשים טובים. צוליב דעם דאַרף ער טוהן למעשה, זיך אָפּשיידן פון וויין, כדי עס זאָל זיין 'מעשיו מרובין מחכמתו', און דורך דעם וועט ער אָפּגעהיטן ווערן פונעם יצר הרע.

**דאָס** זעלבע לענינינו, ווען עס גייט אַריבער דער יום טוב שבועות, און מ'האָט מקבל געווען די תורה דאַרף מען זיך שטאַרקן און פאַרמערן צו טוהן מעשים טובים, כדי עס זאָל זיין 'מעשיו מרובין מחכמתו', און עס וועט זיך האַלטן ביי אים אַ לאַנגע צייט.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין ממשיך צו זיין די התעלות פון קבלת תורה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, מיט אַסאַך שפע ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאָלן זוכה זיין מקבל צו זיין עול מלכות שמים באהבה וברצון, אמן.

---

וואָס האָבן די 'כעלמער חכמים' געטוהן? זיי האָבן געבערענגט פינף שטאַרקע מענטשן פון צווישן די שטאָט-לייט, און מ'האָט זיי געזאָגט זיי זאָלן שטופּן די באַן פון אונטן, ביז עס וועט אָנהייבן פאָרן... זיי האָבן אַזוי געטוהן, זיי האָבן געשטופּט און געשטופּט, און פון דער גרויסער האָרעוואַניע זענען זיי פאַרשוויצט געוואָרן, אַזוי אַז זיי האָבן געמוזט אויסטוהן זייערע מאַנטלען, און ווייטער געשטופּט די באַן.

אינצווישן איז אָנגעקומען אַ פיפיגער גנב, און צוגעגנב'עט אַלע מאַנטלען, אָן דעם וואָס די כעלעמער חכמים זאָלן עס באַמערקן. שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אויסגעדרייט און נישט געזען זייערע מאַנטלען, האָבן זיי זיך געפרייט און געזאָגט: ברוך ה', מיר האָבן באַוויזן צו שטופּן די באַן אַזוי ווייט, אַז מ'קען שוין נישט זען די מאַנטלען וואָס זענען געבליבן דאָרטן ווייט אַוועק... זיי פאַרשטייען נישט אַז זיי זענען דאָרט 'געבליבן שטעקן' אויפ'ן זעלבן אָרט, און דאָס וואָס זיי זעען נישט זייערע מאַנטלען איז צוליב דעם ווייל מ'האט זיי באַ'גנב'עט...

**דאָס זעלבע לענינינו, דער יצר הרע זוכט צו 'באַ'גנב'ענען' דעם מענטש, דורך אַריינגעבן אין זיין מוח דעם נאַרישן געדאַנק אַז ער האָט זיך שוין גאָר שטאַרק דערוויטערט פון די התעוררות, און ער זעט נישט דעם אמת אַז ער איז נאָך באמת 'נאָענט' צו די התעוררות. עס דאַרט זיך אים נאָר אַז ער איז ווייט, ווייל דער יצר הרע זוכט אים אַריינצוכאַפּן אין זיין נעץ ח"ו.**

# וישם לך שלום

אין דער צייט פונעם 'סבא קדישא', הגאון רבי שלמה אליעזר אליפאנדרי זי"ע, איז אַ איד פון ארץ ישראל, וועלכער האָט זיך דאָרט זייער געמוטשעט אויף פרנסה, אַרויסגעפאָרן פון ארץ ישראל און איז אָנגעקומען קיין תימן. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַלס אַ 'שמיד', עטליכע יאָר צייט, כדי אַז ווען עס וועט זיך צונויפזאַמלען אַ סכום געלט, וועט ער אַהיימפאָרן, און דאָרט האָפענטליך קענען זיין מיט זיין משפחה. נאָך דעם ווי ער האָט במשך פון דריי יאָר צוזאַמענגענומען אַ פרוטה צו אַ פרוטה, האָט זיך אים צונויפגעזאַמלט אַ סומע פון הונדערט טויזנט 'דינרין'. ער האָט אָבער געוואָלט פאַרבלייבן אין תימן נאָך אַ יאָר אָדער צוויי, און ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַהיים צו שיקן דאָס געלט צו זיין משפחה אין ארץ ישראל, און ער וועט דערוויל פאַרבלייבן ווייטער אין תימן.

אין יענע צייטן איז נישט געווען 'שיירות מצוות', מענטשן זענען נישט געפאָרן אַזוי פיל פון איין לאַנד צום אַנדערן, און עס האָט געדויערט צייט ביז ער האָט געטראָפן אַ שליח וואָס זאָל זיין גרייט צו נעמען דאָס געלט פאַר אים קיין ארץ ישראל. דאָס איז געווען אַ תימנ'ער איד, וואָס איז געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ארץ ישראל. יענער האָט אויסגעזעהן ווי אַ באַגלייבטער מענטש, און ער האָט אים געבעטן צו טוהן פאַר אים דאָס שליחות, און אָפפירן דאָס געלט צו זיינע בני בית. יענער איז געווען גרייט צו טוהן די שליחות, נאָר מיט'ן תנאי ער זאָל אים באַצאָלן 'שכר טירחא', אַ צענטל פונעם געלט. האָט דער איד געזאָגט: איר מאַכט פון מיר אַ געלעכטער... איך בעט דאָך אייך פשוט אַ טובה, איר זאָלט פאַר מיר נעמען דאָס געלט קיין ארץ ישראל. דער שליח האָט אָבער קלאָר געמאַכט, אַז ער מאַכט גאָרנישט קיין שפּאַס. אָט דעם סכום פאָדערט ער, און אָן דעם, וועט ער נישט מיטנעמען אַפילו אַ פרוטה...

דער שמיד האָט זיך גענומען בעטן ביי אים, ער זאָל נישט פאָדערן אַזוי פיל געלט, ווייל עס האָט דאָך אים געקאָסט אַזוי פיל פלאָג און מי צוזאַמענצושטעלן דאָס געלט. יענער האָט אָבער בשום אופן נישט מסכים געווען צו זיין דער שליח, אויב ער וועט נישט באַקומען כאָטש אַ צענטל פונעם סכום. בלית ברירה, האָט דער שמיד מסכים געווען אים צו צאָלן וויפיל ער פאָדערט, אַבי ער זאָל איבערגעבן דאָס געלט פאַר זיינע בני בית וואָס הונגערן דאָרט אין ארץ ישראל. דער שליח און דער שמיד האָבן אונטערגעשריבן אַ כתב, **'אני פלוני בן פלוני גיב איבער פאַר דעם איד וואָס טראָגט דעם שטר, די סומע פון הונדערט טויזנט דינרין, ער זאָל עס איבערגעבן פאַר מיינע בני בית, וויפיל ער וויל'.**

אויפ'ן וועג, האָט דער שליח זיך געמאַכט אַ חשבון, בין איך דען אַזאַ נאַר צו נעמען נאָר אַ צענטל פונעם געלט? דער שמיד האָט דאָך געשריבן אַז איך קען

נעמען 'וויפיל איך וויל'... וועל איך, אַלזאָ, מקיים זיין דאָ 'יחלוקו', און כ'וועל איבערלאָזן פאַר זיך אַ העלפט פון די סומע... פאָרנדיג ווייטער אַ שטיק צייט, האָט ער ווידער געטראַכט, פאַרוואָס זאָל איך עפעס 'ביישטייערן' פאַר די משפחה פונעם שמיד, פופציג טויזנט דינר... זיי קענען זיך באַגעניגענען מיט טויזנט דינר...

געטראַכט און געטוהן: אָנקומענדיג קיין ארץ ישראל, איז ער צוגעפאָרן צום הויז פון דעם שמיד, און איבערגעגעבן פאַר זיינע בני בית טויזנט דינרין... זי האָט אויפגעציטערט זעהענדיג דאָס געלט, און זיך געוואונדערט הויך פרעגנ'דיג: פאַר אַזאַ קליינע סומע, האָט מיין מאַן געוואַנדערט קיין תימן, און דאָרט אַזוי שווער געאַרבעט אין משך פון דריי יאָר... האָט דער שליח אַרויסגענומען דעם שטר און איר געוויזן אַז איר מאַן האָט אונטערגעשריבן אַז ער איז באַרעכטיגט איבערצוגעבן פאַר איר 'וויפיל ער וויל' פונעם געלט...

די פרוי איז געוואָרן זייער צובראָכן און פאַר'צער'ט. דאָ פלאָגט זי זיך שוין דריי יאָר אין אָרימקייט און עלנדקייט מיט די קינדער, זיך טרייסטנדיג במשך די גאַנצע צייט, אַז צום סוף וועט זי האָבן די מעגליכקייט צו לעבן אונטער בעסערע אומשטענדן, ווען איר מאַן וועט צוריקקומען פון תימן, אָבער דערווייל איז זי געבליבן מיט גאָרנישט, נאָך דעם ווי דער רשעות'דיגער שליח האָט צוגעכאַפּט פאַר זיך דאָס גאַנצע געלט וואָס איר מאַן האָט פאַרדינט אין משך פון די יאָרן. זי איז אַלזאָ אַריבערגעגאַנגען צום הויז פון דעם 'סבא קדישא', דער גאון רבי שלמה אליעזר אליפאַנדרי זצ"ל, און זיך אויסגעוויינט פאַר אים איר ביטער האַרץ, אַז דער שליח האָט זיי באַ'גנב'עט, איבערלאָזנדיג פאַר זיי בלויז טויזנט דינרין.

האָט רבי שלמה אליעזר געשיקט רופן דעם שליח, און אים געפרעגט, היתכן ער באַגייט אַזאַ עוולה. דער שליח האָט זיך אָבער 'פאַרענטפערט' מיט חוצפה, אַז אינעם שטר שטייט קלאָר אַרויסגעשריבן, אַז ער האָט דאָס רעכט צו באַשליסן וויפיל געלט איר צו געבן... מיט זיין 'גוטהאַרציגקייט', איז ער גרייט איר צו געבן טויזנט דינרין - אַ פרוטה נישט מער... אדרבה, אים קומט גאָר אַ דאַנק אַז ער האָט 'איינגעשטימט' איר צו געבן די דאָזיגע סומע, ווייל אויב ער וויל, קען ער געבן אַפילו ווייניגער ווי טויזנט דינרין...

דער צדיק רבי שלמה אליעזר האָט אַ שטיק צייט אַריינגעקוקט אין דעם שטר, און דאַן האָט ער געהייסןביידע, די פרוי און דעם שליח, צוריקקומען צו אים אַ טאָג שפּעטער, און דאַן וועט ער אַרויסגעבן זיין פסק.

צומאָרגנס, האָט דער 'סבא קדישא' טאַקע אַרויסגעגעבן זיין פסק, אַז דער שליח איז מחויב איבערצוגעבן די גאַנצע סומע געלט פאַר די פרוי, און פאַר זיך אַליין, דאַרף ער זיך צופרידנשטעלן מיט טויזנט דינרין, אַלס 'שכר טירחא'... האָט דער

שליח געשריגן אין בית דין שטוב: דער מאַן האָט דאָך אַליין אונטערגעשריבן, אַז איך בין באַרעכטיגט צו נעמען 'שכר טירחא', וויפיל מיין האַרץ גליסט... האָט דער 'סבא קדישא' אים געענטפערט: 'קוק אַריין אין לשון פונעם שטר. עס שטייט דאָך דאָרט קלאָר געשריבן, אַז **דער שליח זאָל איבערנעמען פאַר די פרוי 'וויפיל ער וויל'**... דאָס הייסט, דער שליח דאַרף געבן פאַר די בני בית אַזוי פיל **וויפיל ער וויל פאַר זיך**.. און אַז ער וויל דאָס גרעסטע טייל פונעם געלט פאַר זיך, דאַרף ער דאָס געבן פאַר די פרוי... און דאָס איבעריגע, זאָל ער נעמען פאַר זיך... 'וויבאַלד דו האָסט אויסגעוויילט צו האַלטן פאַר זיך 99 טויזנט דינרין, קומט אויס אַז דאָס איז דער סכום וואָס דו ווילסט האָבן...' - האָט רבי שלמה אליעזר געזאָגט. 'ממילא, דאַרפסטו איר אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט...'.

פון די דאָזיגע מעשה זעהען מיר - זעלבסט-פאַרשטענדליך - דאָס גרויסע פּיקחות פון דעם 'סבא קדישא', אָבער מיר לערנען דאָ אויך אַ גרויסן לימוד אין עבודת ה'. דער יצר הרע פּרובירט איבעררעדן דעם מענטש ער זאָל זיך נאָגעבן אַלע זיינע תאוות. **מ'דאַרף אָבער מקיים זיין דעם פּסוק 'מאויבי תחכמני', און לערנען פונעם יצר, ווי אַזוי מ'קען דינען דעם אויבערשטען, און אַוועקגעבן פאַר אים, דאָס וואָס מ'וויל האָבן פאַר זיך...** (און דאָס וואָס עס 'בלייבט איבער', קען מען נוצן פאַר די אייגענע גשמיות'דיגע באַדערפענישן...).


בס"ד
ספר באר החיים
על פרקי אבות
נערך ונלקט מתוך תוכן
דברי שיחותיו של
מורינו הגה"צ רבי
אברהם אלימלך בידערמאן
שליט"א
ספר
באר
החיים
פרקי אבות
באר האמונה
עונג רוחני לימי הקיץ
ניתן להשיג בכל חנויות הספרים
מכון
באר האמונה
הפצה ראשית
נר למאור
הפצה בארה"ק
1800-22-55-66
SWIVEL ∞ 718.614.0795